9 און זיי האָבּן עס געטראָגן. ווי אָבּער דער, וואָס
איז געזעסן אויבּנאָן האָט טועם געווען דאָס וואַסער,
וואָס איז געוואָרן ווייַן, און האָט נישט געוואוסט
פונוואַנען עס איז—די סאַרווערס אָבּער, וואָס האָבּן
געשעפּט דאָס וואַסער, האָבּן יאָ געוואוסט—רופט
10 דער, וואָס איז געזעסן אויבּנאָן דעם חתן, און זאָגט
צו אים: יעדער מענטש שטעלט קודם כל אוועק
דעם גוטן ווייַן, און ווען מען האָט זיך שוין אָנגע־
טרונקען, דעמלט דעם ערגערן; און דו האָסט באַהאַלטן
11 דעם גוטן ווייַן בּיז איצט. דעם דאָזיקן אָנהייבּ פון
די נסים האָט ישוע געמאַכט אין קנה פון גליל, און
האָט אַנטפּלעקט זייַן הערלעכקייט, און זייַנע תלמידים
האָבּן אין אים געגלייבּט.
12 נאָך דעם איז ער אַראָפּגעגאַנגען קיין כפר נחום,
ער און זייַן מוטער און די בּרידער און זייַנע תלמידים,
און זענען דאָרט פאַרבּליבּן נישט קיין סך טעג.
13 און דער יידישער פסח איז געווען נאָנט, און
14 ישוע איז אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים. און
האָט געפונען אין בּית המקדש די פאַרקויפער פון
רינדער און שאָף און טויבּן, און די געלט־וועקסלער
15 זיצן. און ער האָט געמאַכט אַ קאַנטשיק פון שטריק־
לעך און אַלעמען אַרויסגעטריבּן פונם בּית המקדש
מיט די שאָף און די רינדער; און אויסגעשיט דאָס
געלט פון די אויסבּייטער און די טישן אומגעקערט;
16 און צו די, וואָס האָבּן פאַרקויפט טויבּן, האָט ער
געזאָגט: נעמט די דאָזיקע אַוועק פונדאַנען; מאַכט
נישט פון מייַן פאָטערס הויז אַ הויז פון מסחר.
17 זייַנע תלמידים האָבּן זיך דערמאָנט, אַז עס שטייט
געשריבּן:

דער אייפער פון דייַן הויז האָט מיך פאַרצערט.

(תהלים סט, י.)